**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/23/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ צו שטודירן עקסטרעמע היצן אין שוואכערע קאמיוניטיס**

***נייער געזעץ (S.8431-A/A.10001-B) ווייזט אן פאר דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג צו דורכפירן א שטודיע אויף אומגלייכע אומשטענדן פון שווערע היצן אין שטאטישע געגנטער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א געזעץ (S.8431-A/A.10001-B) וואס וועט אנווייזן די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) צו שטודירן וויאזוי שווערע היצן באטרעפן שוואכערע קאמיוניטיס אויף אן ערגערן אופן ווי אנדערע, אויך באקאנט אלץ 'שטאטישע היץ אינזלען'.

"עקסטרעמע היצן דראען אויף די לעבנס און וואוילזיין פון פילע ניו יארקער יעדעס יאר, אבער באזונדערס די וועלכע וואוינען אין שוואכערע קאמיוניטיס און אין מינאריטעט קאמיוניטיס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר קומען אן צום סוף פון קלימאט וואך, נעמען מיר אונטער שריט צו אדרעסירן עקסטרעמע היצן און צו באקעמפן קלימאט טויש. די שטודיע וועט אונז שטעלן אויפן וועג צו באשיצן ניו יארקער און מאכן די סטעיט א געזונטערע און מער ענווייראמענט-פריינטליכע פלאץ וואו צו וואוינען פאר צוקונפטיגע דורות."

דער געזעץ (S.8431-A/A.10001-B) ווייזט אן די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג צו שטודירן וויאזוי שווערע היצן באטרעפן שטאטישע געגנטער – באזונדערס אין שוואכערע קאמיוניטיס – אויף אן ערגערן אופן — זיך דורכרעדנדיג מיט די ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט אינטער-אגענטור קאארדינירנדע קאונסיל ( environmental justice interagency coordinating council) און מיט די קלימאט גערעכטיגקייט ארבעטס גרופע (climate justice working group). פארשידענע שטעט ארום די סטעיט זענען אויסגעשטעלט צו העכערע היצן צוליב אינפראסטראקטור וואס כאפט אריין און זאפט איין היץ דורכאויס די טאג — אן ערשיינונג וואס איז באקאנט אלץ די 'שטאטישע היץ אינזל עפעקט'. די שטודיע וועט אידענטיפיצירן שטאטישע שוואכערע קאמיוניטיס מיט קאנצענטראציעס פון היץ אינזלען, עס וועט ארויסגעבן רעקאמענדאציעס איבער וויאזוי צו אידענטיפיצירן, פארמיידן און אדרעסירן נעגאטיווע ווירקונגען אויף די געזונט און אויף די ענווייראמענט וואס קומען פון שטאטישע היץ אינזלען עפעקטס, און עס וועט טרעפן פאטענציאלע פינאנצירונג צו אדרעסירן די ווירקונגען.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער און קלימאט אקציע קאונסיל (Climate Action Council) קאָ-פארזיצער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "קלימאט טויש באטרעפט נישט נאר אונזער ענווייראמענט, נאר עס ביישטייערט שוין יעצט צו טויטליכע פובליק געזונטהייט קאנסעקווענצן אין קאמיוניטיס וועלכע זענען היסטאריש געפאלן אונטערן לאסט פון ענווייראמענטאלע פארפעסטיגונג. די DEC קוקט ארויס צו פאראויס גיין מיט די קריטישע שטודיע

צוזאמען מיט אונזערע פילע לאקאלע, סטעיט און לעגיסלאטיווע שותפים, און מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט צו העלפן אדרעסירן עקסטרעמע היצן און האלטן ניו יארקער פארזיכערט."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) און קלימאט אקציע קאונסיל קאָו-פארזיצערין, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול איז איבערגעגעבן צו דעם קאמף קעגן קלימאט טויש, און זי פארשטייט אז שוואכערע קאמיוניטיס זענען פאר לאנגע יארן געשטאנען אויפן פראנט און אריינגעכאפט די שווערסטע קלעפ פון עקסטרעמע היצן און שעדליכע פארפעסטיגונג וואסביישטייערן צו שטאטישע צענטערן אריבער די גאנצע סטעיט. איינמאל עס וועט זיין פארענדיגט, וועט די שטודיע העלפן שטיצן ניו יארק'ס באמיאונגען צו עררייכן ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט און שיקן בענעפיטן פאר פאמיליעס צו פארבעסערן די פובליק געזונטהייט און שטיצן א בעסערע קוואליטעט פון לעבן דורך די באנוץ מיט קלוגע לייזונגען ווי ענווייראמענט-פריינטליכע און ביליגע קילונג וואס פירט צו א זיכערערע און ריינערע פלאנעט."

**סטעיט סענאטאר קעווין פארקער האט געזאגט,** "גלאבאלע אנווארעמונג האט ארויסגעווארפן שטאטישע קאמיוניטיס ארויס פונעם טאפ און גראד אריין אינעם פייער. די קאמיוניטיס וועלכע זענען רוב מאל אפריקאנער-אמעריקאנער און לאטינאָ קאמיוניטיס טראגן די גרעסטע און אומגלייכע לאסט פון די היצן פון קלימאט טויש. די היץ אינזל עפעקטן האבן זיך ארויסגעוויזן דעם זומער אין NYC מיט צוויי-וואכן-לאנגע היץ כוואליעס. דער נייער געזעץ וועט צושטעלן פאר NYS די ציפערן וואס עס דארף צו קענען פארשטיין די שוועריגקייטן און צו אנטוויקלען סטראטעגיעס און וועגן וויאזוי זיי צו פארגרינגערן. א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פארן אויפשטיין פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט."

**אסעמבלי מיטגליד ברייען קאנינגהעם האט געזאגט,** "די שטודיע אויף די שטאטישע היץ אינזל עפעקט וואס וועט דורכגעפירט ווערן אלץ רעזולטאט פון דעם געזעץ איז אוועקגעשטעלט צו פארבעסערן די לעבנס פון שוואכערע קאמיוניטיס. דורכן אידענטיפיצירן די פלעצער וואו היץ אינזלען זענען קאנצעטרירט און ארויסגעבן רעקאמענדאציעס איבער וויאזוי צו מינימיזירן נעגאטיווע געזונטהייט און ענווייראמענטאלע ווירקונגען, בין איך זיכער אז די פארשונג וועט מאכן א דראמאטישע חילוק. מיר דאנקען פון פאראויס די ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט אינטער-אגענטור קאארדינירנדע קאונסיל און די קלימאט גערעכטיגקייט ארבעטס גרופע פאר זייער פארשונג."

**עדי באָטיסטע, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די NYC ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט אליאנס (NYC Environmental Justice Alliance), האט געזאגט,** "די AM ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט אליאנס וויל באדאנקען די הויפט ספאנסארס פון דעם געזעץ, סענאטאר פארקער און אסעמבלי מיטגליד קאנינגהעם, און אזוי אויך אסעמבלי ספיקער היעסטי און סענאט מאיאריטעט פירערין ענדריע סטוערט-קאָזינס, פאר זייער פירערשאפט מיט קלימאט ביים העלפן אריבערפירן דעם געזעץ צו גאווערנער האקול'ס טיש. מיר באדאנקען אויך גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו אדרעסירן און פארגרינגערן עקסטרעמע קלימאט שאדנס ווי עקסטרעמע היצן. די שטודיע וואס דער געזעץ פארלאנגט וועט העלפן בעסער ערקלערן די אומגלייכע שטאטישע היץ אינזלען עפעקטן און פארבינדענע קאנסעקווענצן פון עקסטרעמע היצן מיט וועלכע שוואכערע קאמיוניטיס מוטשענען זיך. דורכן זיכער מאכן אז די שטודיע ווערט אויסגעפירט צוזאמען מיט ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט גרופעס און די קלימאט גערעכטיגקייט ארבעטס גרופע, האבן זיי זיכער געמאכט אז די וועלכע ווערן די מערסטע באטראפן – וועם די שטודיע זוכט צו שטודירן – זענען אליינס פארמישט אין דעם פראצעדור, זיי ערלויבנדיג צו ארבעטן אלץ פירער אין דעם פראצעדור און האבן די אויטאריטעט צו טוהן וואס זיי גלויבן איז די וויכטיגסטע און מערסטע נוצליך פאר זייערע קאמיוניטיס."

**סאָונעל דזשעסעל, פּאליסי דירעקטארין ביי WE ACT for Environmental Justice (מיר טוהען פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט), האט געזאגט,** "עקסטרעמע היצן זענען נישט נאר די מערסטע טויטליכע קאנסעקווענץ פון קלימאט טויש, נאר עס הרג'ט אויך טונקל-הויטיגע/אפריקאנע-אמעריקאנע מענטשן צוויי מאל אזוי אפט ווי אנדערע ראסעס און אפשטאמען אין ניו יארק סיטי. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט מיטן אדרעסירן די קריטישע ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט אנגעלעגנהייט, און מיר קוקן ארויס צו צושטעלן פאר די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג סיי וועלכע הילף וואס מיר קענען."

**פיטער איוואנאוויץ, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון Environmental Adovcates NY (ענווייראמענטאלע שתדלנים - ניו יארק), האט געזאגט,** "איין קלארע וועג וויאזוי די קלימאט קריזיס האט געהאט א ווירקונג אויף ניו יארק איז דורך עקסטרעמע היצן. דאס איז באזונדערס וויכטיג אין געגנטער וואו לאנגע יארן פון ראסיסטישע פאליסיס ווי 'רעדליינינג' [ווען סערוויסעס ווערן צוריקגעהאלטן פון מינאריטעט קאמיוניטיס] זענען פאר צו באטרעפן די מענטשן וועלכע וואוינען דארט, מאכנדיג זיי געשטראנדעט אין א 'היץ אינזל'. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן דעם וויכטיגן געזעץ וואס וועט זאמלען וויכטיגע אינפארמאציע איבער די היץ אינזלען און אויפקומען מיט א פלאן צו פאררעכטן די אומרעכטן פון די פארגאנגענהייט."

**פרעזידענט פון די New York League of Conservation Voters (ניו יארקע ליגע פון אפהיטונג וויילער), דזשוּלי טייג, האט געזאגט,** "די היץ אינזל עפעקט לייגט אריין אין סכנה מענטשן וועלכע וואוינען אין שוואכערע קאמיוניטיס, און עס ליידיגט אויס די טאשן פון די וועלכע קענען זיך דאס די ווייניגסטע ערלויבן. די New York League of Conservation Voters לויבט אויס גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן דעם געזעץ — א וויכטיגע טריט צו פאררעכטן די אומערכטן פון די פארגאנגענהייט און די אנגייענדע ענווייראמענטאלע אומרעכטן. דער היץ אינזל געזעץ וועט פארזיכערן אז די פאקטן ווערן צוזאמגעזאמלט, און פון דארטן קענען לייזונגען דורכגעפירט ווערן פאר א גרינערע און מער יושר'דיגע שטאטישע לאנדשאפט."

ניו יארק סטעיט נעמט שוין יעצט אונטער אדמיניסטראטיווע שריט צו אדרעסירן עקסטרעמע היצן אין שטאטישע קאמיוניטיס, אריינרעכענענדיג מיטן אוועקשטעלן די [עקסטרעמע היץ אקציע פלאן (Extreme Heat Action Plan)](), א באמיאונג אנגעפירט צוזאמען דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט און דורך די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג. צייטווייליגע רעקאמענדאציעס פאר די עקסטרעמע היץ אקציע פלאן זענען פארעפנטליכט געווארן יולי 23, 2022. די פלאן איז ספעציפיש קאנצענטרירט אויף קאמיוניטיס וועלכע ווערן באטראפן מער פון אנדערע דורך ענווייראמענטאלע פארפעסטיגונג און קלימאט טויש, און עס אידענטפיצירט לעכער אין די סטעיט'ס יעצטיגע צוגאנג צו פארגרינגערן שאדן פון עקסטרעמע היצן אויף דזשאבס, פארוויילונג און אויף שוואכערע קאמיוניטיס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418